NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03790

# SHELOMOH KATSAP

M. Chudnovskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ טשורנאווסקי

# שלמה קאַצאָף

(דערציילונג)

(אַ מתנה קיליין)



# שלמה קאַצאַפּ



שלמה קאַצאַפּ איז געווען אַ געזונטער, ברייטביינערדיקער יונג, אַביסל נידעריקער פון מיטעלן וואוקס, מיט אַ פּאָר גרויסע תמעוואַטע אויגן, גראָבע רויטע באַקן, אַ ברייטער, פליישיקער נאָז, און גראָבע ליפּן. דאָס נאַריש־ווילדע אין זיין גאַנצן אויסזען האָט זיך גלייך, ביים ערשטן קוק אויף אים געוואָרפן אין די אויגן. זיין גאַנצע עובדה איז געווען: זיך אַרומפירן מיט אַ חברה פון גאָר יונגע אינגלאַך, אַזעלכע וואָס האָבן ניט אויף זיך די מורא פאַר עלטערן און דעם בזיון פאַר פרעמדע מענטשן, און וואַקסן זיך ווי זיי ווילט זיך . . . שלמה'קע איז געווען ביי זיי אַ פירער, אַ קאָמאַנדיר. נאָך זיין באַפעל איז אַלץ געטאָן געוואָרן. דעם שטעטל האָבן זיי שטאַרק דאַקוטשעט. זיי פלעגן אַרויס'גנב'ענען עסנוואַרג פון די קעלערס, אָדער וואָס מען האָט לעבן הויז אָדער אין אַ קאָרידאָר איבערגעלאָזט. (זיי פלעגן זיך ניט איינ־

ברעכן בײַנאַכט אין די הײַזער, װי פּראָפעסיאָנעלע גנבים). פון די פורן אויפ'ן מאַרק פלעגן זײ אָראָפּשלעפּן זאַכן, גנב'נען פון די שטעלן, פון אַ קלײט, װען דער קרעמער האָט אויף אַ מינוט זיך פאַרקוקט. אַ פור אויפ'ן מאַרק פלעגט מען ניט טאָרן אַלײן איבערלאָזן; פלעגט דער בעל־הבית פון די פערד זיך נאָר אָפּדרײען — און די חברה זײַנען שוין אויף דער פור, צעלאָזן די פערד אין אַ װילדן גאַלאָפּ. דער בעל הבית לויפט נאָך, מאַכט מיט די הענט, שרײַט, װי אַ מענטש אין פאַרצװײפלונג, אָבער זײ אַנטלויפן, שטעקן אים אַרױס די צינגער, לאַכן און רײצן זיך, און אין אַ שטונדע אָדער צװײ אַרום ברענגען זײ די פערד דורך אַן אַנדער זײַט אין מאַרק אַרײַן, צעלויפן זיך און לאָזן די פערד אַלײן איבער.

זײ האָבן אַ פּאָר מאָל אין שבת'דיקע נאָכמיטאָגס, אָפּגעדרײט די שלעסער אין אַ פּאָר שולן, האָבן איבערגעקערט די בײַנק און די סטענדערס, אויסגעגאָסן די װאַסער אויף דער פּאָדלאָגע, אַרױסגענומען די ספרי־תורות, און געגאַנגען מיט הקפות. טשעפּן זײ האָט מען אָבער מורא געהאַט, יעדער האָט זיך געהיט זײַן כבוד, און אויך מורא געהאַט פאַר גנבות. פלעגט מען אַמאָל רײדן צו זײ מיט גוטן, װי טאַטעס װאָלטן גערעדט צו זײערע קינדער, פלעגן זײ שטײן אַ מינוט, אויסהערן, נאָר באַלד האָבן זײ אויסגעפּײפט, אַ זאָג געטאָן אַ ניט־לײטיש װאָרט און אַנטלאָפן.

אין פינסטערע אויפדערנאַכטן פלעגן זײ מאַכן פּאַראַדן, האָבן געטראָגן ברענענדע סטורקטשן, געקרײט, געמיאוקעט און געהאַװקעט, האָבן זיך צעלאָזט נאָך די שפּאַצירנדיקע, זײ גערופן מיט מיאוסע נעמען, אַנדערע באַגלײט מיט שטײנער און אַלײן געבליבן אויפ'ן פּלאַץ. זײ זײַנען אונטערגעגאַנגען אונטער די פענצטער פון באַלע־

באַטישע הייזער, און אַריינגעשריען מיאוסע ווערטער. פיל האָבן זיך אָנגעליטן פון די באַלעבאַטישע קינדער, אַ סך האָבן זיי געצאָלט חודש־און וואָך־געלט, אָבער דאָס פלעגט אָפט אויך ניט העלפן.

און כאָטש שלמה'קע איז שוין געווען אַ גרויסער בחור, נאָר איבער זיין חבר'ן זיך מיט די קליינוואַרג האָט ער ביי אַלעמען אויסגעקוקט ווי אַ נאָך ניט־דערוואַקסע־נער, און דערפאַר האָט פאַר יעדן אויסגעקוקט מאָדנע, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז שלמה'קע דאַרף זיך שטעלן צום פריזיוו.

דעמאָלט האָט שלמה פאַרלאָזט זיינע אַלטע פריינט און זיך אָנגעהויבן אַרומפירן מיט די גרויסע, מיט די פריזיוניקעס. נאָר זיין ראָל האָט זיך איצט געביטן. אויפ'ן אָרט, וואָס ער איז פריער געווען דער „הערשער" ביי די קליינוואַרג, איז ער איצט געווען דער אונטערטעניקער ביי די גרויסע. ווען די פריזיוניקעס פלעגן גיין נעמען טרינק־געלט ביי די באַלעבאַטים, וועמעס קינדער האָבן זיך אויך דאָס יאָר געשטעלט צום פריזיוו, האָט מען, וואו מען האָט געדאַרפט, צו שלמה'קען אַ וואונק געטאָן, און ער האָט דער ערשטער דערלאַנגט אַ זעץ אין טיש אַריין, אַז אַלץ אין שטוב האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. אַז דאָס האָט אַמאָל אויך ניט געהאָלפן האָבן זיי אַ זאָג געטאָן:

— שלמה'קע, דעם סאַמאָוואַר!

און שלמה'קע כאַפּט דעם סאַמאָוואַר אונטער דער פאַכווע און רופט די חברה מיט אַ כוואַטסקן טאָן פון איי־נעם, וואָס האָט אַ וויכטיקע, נאָר אים אַליין אָנפאַרטרוי־טע זאַך אָפּגעטאָן און האַלט זיך שוין פאַר אַ תקיף:

— קומט, חברה, מיר האָבן דאָך שוין פאַר וואָס צו טרינקען.

ווען די חברה איז געקומען צו באָרים גרינבערג'ן,

דער געהילפס־בוכהאַלטער אין דער געזעלשאַפט פון קעגנזייטיקער הילף, וואָס האָט אויך דעם יאָר געדאַרפט זיך שטעלן צום פריזיוו, האָט באָריס זיך מיט זיי ניט געשפאַרט און זיי געגעבן וויפיל זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט. די חברה זיינען געווען צופרידן, זיך געווערטלט.

באָריס׳עם פאָטער, אַ פיינער באַלעבאָס און אַ איד, וואָס האָט ליב זאָגן אַ ווערטל, איז דאָ אויך געשטאַנען און דערזעענדיק שלמה׳קען צווישן זיי, האָט ער זיך אָפגערופן:

— צו מיינע שונאים׳ס קעפ, דו שטייסט שוין אויך צום פריזיוו?

— יאָ, רב אַברהם, — האָט שלמה׳קע מיט שטאָלצקייט אַ זאָג געטאָן, און האָט אַ הייב געטאָן ביידע אַקסלען.

— אויף וועמען, זאָג נאָר, ווועסטו איבערלאָזן דיינע חברה, אויב מען וועט דיך פאַר אַ סאָלדאַט צונעמען? — האָט דער אַלטער גרינבערג געשפאַסט. — אַז אָך און ווי, דאָ ביסטו דאָך אַליין אַ קיסר...

חברה האָבן זיך צעלאַכט, און שלמה׳קע האָט זיך פאַרשעמט און דעם קאָפ אַראָפגעלאָזט. און ווען ער האָט געהערט, אַז חברה הערן ניט אויף צו לאַכן, שפאָטן פון אים, און אַנדערע האָבן אים אונטערגעשטופט: — טאַקע, שלמה׳קע, וואָס וועט זיין? — האָט שלמה׳קע אַ הייב געטאָן דעם קאָפ און האָט מיט אַ בייזן און פאַראַכטנדן טאָן אַ זאָג געטאָן, ווענדנדיק זיך צו גרינבערג׳ן:

— האָט קיין צרות ניט, אייער זון וועט אויך זיין אַ סאָלדאַט.

באָריס איז צו אים צוגעגאַנגען, ער האָט געהאַט אַן ערנסט־אומעדיקן אויסזען, האָט שלמה׳קען לייכט אין פלייצע אַ קלאַפ געטאָן, און מיט אַ טרויעריקייט עטוואָס

אין קול, ווי איינער וואָלט געדעדט צו זיינעם אַ חבר, וואָס זיינען ביידע אין איין צרה, געזאָגט:

— יאָ, שלמה׳קע, מיר וועלן טראָגן די ראַנצעס.

ער, באַרים טאַקע, איז געווען אויסגעשטאַנען פון שלמה׳קען און פון זיין חברה. זייענדיק אַ האַלב־גביר׳יש אינגל, איז ער געווען איינער פון די ליידנדע פון שלמה־קעס פאַרפאַלגונגען. ניט איינמאָל האָט זיך באַרים מיט געלט אויסגעקויפט אין יענער צייט, ווען ער פלעגט קו־מען פון דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט געלערנט, און די חברה פלעגן אים נאָכלויפן און שרייען:

— ער לערנט זיך פאַר אַ היצל (אַ הינט־כאַפּער).

באַרים האָט געגלויבט, אַז ער וועט זיך קאָנען אויס־דרייען, האָט ער זיך געמיט, געסטאַרעט, געלעגן אין האָס־פּיטאַל און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געמוזט גיין דינען. דערפאַר איז ער שפּעט אין פּאָלק אַריינגעקומען.

די אַלע צוגענומענע סאָלדאַטן זיינען שוין לאַנג געווען צעשיקט אין די פּאָלקען, האָבן זיך שוין געגוג אָנ־געליטן און צוביסלאַך זיך צוגעוואוינט צו זייער קלעג־לאַבער לאַגע, ווען באַרים איז ערשט אין פּאָלק געקומען.

עס איז געווען זייער אַ פּראָסטיקער נאָכמיטאָג, ווען באַרים האָט צום ערשטן מאָל די שוועל פון דער קאַזאַרמע אַריבערגעשפּאַנט. אין קאַזאַרמע איז געווען וואַרים, שטיל, צוגערוימט. די סאָלדאַטן זיינען געווען אויף „פּראַ־גולקע”. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער גרויסער קאַזאַרמע אַן אומרואיקער, אַ טרויעריקער, געטראַכט פון דער היים, פון באַקאַנטע, פון דער שטעלע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, און וועגן דעם נייעם, אומבאַקאַנטן, טרויעריקן לעבן, וואָס ער וועט דאָ דאַרפן שלעפּן גאַנצע דריי יאָר.

עס האָט ניט לאַנג גענומען. די טיר האָט זיך געטאָן

א פראל אויף, און די סאלדאטן, אינגאנצן פארשנייטע, זיינען אריין. זיי האבן אנגעהויבן פון זיך דעם שניי אפטרייסלען, האבן א קעלט אנגעטראגן. יעדערער איז צו זיין בעטל צוגעגאנגען, האבן זיך אנגעהויבן אויסטאן, צונויפגעלייגט די זאכן אין ארדנונג. די באקן האבן ביי אלעמען געפלאמט, די אויערן רויט און שטייענדיק, פארקאוועטע. באריס האט זיך צו זיי צוגעקוקט, ווי ער וואלט געוואלט זען, צי עס זיינען דא פאראנען נאך אזעלכע, ווי ער. באלד איז ער געווארן ארומגערינגלט פון סאלדאטן, וואס האבן אים אנגעהויבן אויספרעגן: „פון וואנען?“ „פארוואס אזוי שפעט?“ ביי אייניקע פון זיי האט ער גוטע, באדויערנדיקע פנימ׳ער געזען, און עס האט זיך געוועקט אין זיין הארצן א רחמנות צו זיי. ער האט זיך דערפילט מיט זיי היימישער, ווי פון איין צרה געטראפענע חברים. באלד איז אנטקעגנגעקומען איינער מיט צוויי בענדלאך, א נידעריקער, גראבער שייגעץ מיט קעלבערנע אויגן, האט אים אריינגעקוקט אין פנים אריין, האט באקומען א שטרענגן אויסזען און האט א זאג געטאן מיט א שפאטישן טאן:

— א, זשידוניא, וואו ביסטו ביז איצטער געווען? אין באלניצע מסתמא געלעגן? מען וועט שוין פון דיר קיין יום־טוב ניט מאכן.

— מען וועט אים דא געבן געפילטע פיש מיט קוגל — האט איין סאלדאט א זאג געטאן צום עלטסטן, וועלנדיק זיך מאכן געפעלן מיט זיין חכמה.

די סאלדאטן האבן זיך צעלאכט.

דאס האט דריקנדיק געווירקט אויף באריס׳ן. זיינע אויגן זיינען פארלאפן מיט טרערן. ער האט דערפילט אז ער געפינט זיך אין א זייער פיינטלאכער סביבה.

די סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן צעגיין. ער איז געבליבן אַליין, זיך אומגעקוקט.

באַלד האָט ער דערזען שלמה'קען. יענער איז גע־שטאַנען פון ווייטנס, האָט געקוקט מיט אַ טרויעריקן בליק אויף באַרים'ן און ווי זיך עפּעס מישב געווען. ביי באַרים'ן האָט אַ צי געטאָן דאָס האַרץ. אין דער מינוט האָט ער דערפילט אַזאַ נאָענטקייט צו שלמה'קען, ווי ער זאָל זיין בעסטן פריינט געווען דערזען. ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים און אַ זאָג געטאָן:

— שלמה'קע!

שלמה'קע איז צו אים צוגעגאַנגען. אויף זיין גע־זיכט האָט זיך קוים באַמערקט דער שמייכל, וואָס ער האָט מיט שווערקייט אויסגעפּרעסט, און באַלד האָט זיי־ געזיכט באַקומען אַ פאַרצווייפלט־רחמנות'דיקן אויסדרוק און ער האָט מיט שווערקייט אַרויסגערעדט:

— האָט מען אייך אויך... צוגעשיקט אַהערצו?

— זעסט דאָך, — האָט באַרים שטיל געזאָגט. — ווי אַזוי גייט דיר דאָ?

שלמה'קה האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן.

— שלעכט, אוי שלעכט, מען מוטשעט.

עס זיינען צוגעגאַנגען צוויי אידישע סאָלדאַטן. איי־נער, מיט אַ זייער סימפּאַטישן, טונקעלן און זייער אײַנ־געלשן אויסזען, מיט נאַאיווע, גרויע אויגן ווי ביי אַ קינד. ־ער צווייטער האָט אויסגעקוקט צו זיין גאָר אַ פּראָסטע בריאה, מיט געקרייזלטע האָר און נאַריש־שמייכלענדיקע אויגן.

— פון וואַנען? — האָט דער ערשטער אַ פרעג גע־טאָן?

— פון מיין שטאָט, — האָט שלמה'קע געזאָגט.

— עס העלפט ניט, מען מוז קומען? — האָט יע־

נער ווייטער גערעדט אין אַ פּאַרטראַכט־טרויעריקן טאָן, און עס האָט זיך גערוכט, אַז אַ שטילער זיפץ, וואָס ער האָט באַלד דערשטיקט, האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיין האַרצן — זיך בעסער אויסברעכןביידע פיס, איידער אַהערצו אָנקומען. נאָר אָט ער) — האָט ער אויף שלמה־קען אַ ווייז געטאָן — האָט גיך איבערגענומען די „אָר־טשעניע" און מען האַלט פון אים. אָבער מיר קומט אָן שווער. אוי, דערגייען זיי די יאָרן!

— איך האָב זיי אין דער ערד מיט דער גאַנצער „אוטשעניע" — האָט שלמה׳קע געזאָגט — אָ ממש ביי מיר. אָבער דאָ מיט די חזרים... זעט, מען קוקט שוין אַהערצו און מען לאַכט. ס׳פּאַסט ניט, אַ סך אידן אינ־איינעם...

— מיר וועלן זיך נאָך זען — האָט איינער אַ שאָקל געטאָן צו באָריס׳ן מיט׳ן קאָפּ און איז מיט׳ן צווייטן אַוועקגעגאַנגען.

— אויך אַ געבילדעטער יאַט, — האָט שלמה׳קע געזאָגט. — איר זאָלט זען, ער שרייבט אַזוי שיין און גיך ווי אַ מאַשינקע. אַזעלכע איז דאָ שלעכט. ווי אַזוי וועט איר דאָ זיין?

באָריס האָט געקוקט אויף שלמה׳קען און ניט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז שלמה׳קע קאַצאַפּ, דער תמ׳־עוואַטער, נאַרישער שלמה׳קע, דער אָנפירער פון דער באַנדע קליינע אויסוואורפן.

— אפשר ווילט איר טיי? — האָט שלמה׳קע זיך געכאַפּט.

— יאָ, איך וועל טרינקען.

שלמה׳קע איז גיך אַוועק און האָט באַלד געבראַכט צוויי טשייניקעס מיט קאָכעדיקע טיי און אַ שטיק שוואַרצן ברויט.

— דאָס בייסן מיר צו צו דער טיי — האָט שלמה־קע געזאָגט, אַנידערלייגנדיק דאָס ברויט. — נו, און איר?

— איך וועל עס אויך עסן. איך האָב ליב שוואַרץ ברויט. אין דער היים האָב איך זיך געבעטן באַקן נאָר אַזאַ ברויט. פּוטער קען מען דאָ קריגן?

— יאָ, ס'דאָ אַ קלייטל. איר ווילט, טראָג איך גלייך אַרויף.

— די טיי וועט ווערן קאַלט.

— נישקשה, ס'וועט ניט נעמען לאַנג.

באַרים האָט אים געגעבן געלט און ער איז אַרויסגעלאָפן פון דער קאַזאַרמע. באַלד איז ער געווען צוריק מיט דער פּוטער. זיי האָבן געגעסן און געשוויגן.

פּלוצלינג האָט זיך שלמה'קע אָנגערופן:

— איר געדענקט דעמאָלט, ווען מיר זיינען געקומען ביי אייך נעמען געלט פאַר די פּריזיוווניקעס האָט אייער טאַטע פון מיר געלאַכט, און אַלע האָבן פון מיר געלאַכט. איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון כעס און האָב געזאָגט: „אייער זון וועט אויך זיין אַ סאָלדאַט.“ נאָך דערנאָך האָט מיר באַנג געטאָן. ווען איר האָט מיר דעמאָלט געזאָגט: „מיר וועלן ביידע טראָגן די ראַנצעס“ האָט מיר אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן.

— נו, שלמה'קע, וואָס איז די נפקא מינה, וואָס בין איך? דער זעלבער מענטש ווי דו.

— ניין, ניין, אַז איך האָב אייך דאָ דערזען האָט מיר אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרצן... ווען איך דערזע אַן אַנדערן... נו, איר ווייסט, פון אַזעלכע ווי איך בין... איז גאָרנישט, איך וואָלט זיך נאָך דערפרייט, אַ היימישער... נאָר איר... איר ווייסט נאָך ניט, ווי אַזוי דאָ איז...

אין זיינע אויגן זיינען טרערן געשטאַנען. צו באַר־

ריס'עם הארצן איז ווי א כוואליע צוגעשוואומען און עס האט זיך אנגעהויבן טיקען.

— און ווען איך האב אייך דערזען אן די האר, — איר האט דאך געהאט אזעלכע שיינע האר, — אך, זאלן זיי פארברענט ווערן, צו וואס דארף מען דאס?

זיי זיינען עטלאכע מינוט געזעסן און געשוויגן.

— דער פעלדפעבל גייט אהערצו, — האט שלמה'קע א זאג געטאן און זיך אויפגעשטעלט.

באריס האט ניט געהערט, וואס ער האט געזאגט נאר ער האט געזען, ווי ער האט זיך געטאן א גלייך אויס. אננעמענדיק א באשיידן־הכנעה'דיקע פאזע און זיינע אויגן זיינען ערגעץ גלייך געווען געווענדט. ער האט זיך אויך אומגעקוקט אין יענער זייט, נאר באלד האט ער שוין דערזען שטיין פאר זיך איינעם, א הויכן, מיט גרויסע וואנצעס, מיט קליינע, נאר דרינגענדיקע אויגעלאך. שלמה־ האט זיך געטאן א גלייך אויס ווי א סטרונע און „טשעסט“ אפגעגעבן. באריס האט זיך אויך אויפגעשטעלט.

— פון וואנען קומסטו? — האט דער פעלדפעבל געפרעגט באריס'ן, אפגעמאסטן אים פונ'ם קאפ ביז די שפיצן פינגער מיט א קאלטן בליק.

— פון ג. ק—ווער גובערניע. — האט באריס גע־ ענטפערט.

— פון מיין שטאט, וואשע בלאגאראדיע, — האט שלמה'קע געזאגט.

דער פעלדפעבל האט א קוק געטאן אויף שלמה'קען. דערנאך אויף באריס'ן און געפרעגט:

— חברים געווען, א?

שלמה'קע האט אראפגעלאזט דעם קאפ. א רויטקייט האט זיך אויף זיין געזיכט צעגאסן.

— יא, — האט באריס געענטפערט.

— ער איז אַ מאַלאַדעץ, — האָט דער פעלדפעבל געזאָגט, אַ מאַך טוענדיק מיט'ן קאָפּ צו שלמה'קען, — זע נאָר דו זאָלסט אויך גיך איבערנעמען די סלוזשבע. זאָלסט אים העלפן, זאַסלאַווסקי. ער איז אַנגעקומען שפּעט, וועט מען אים דאַרפן „צוטרייבן„ צו אייך.

— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע בלאַגאָראָדיע! — האָט שלמה'קע געזאָגט, אָפּגעבנדיק אים טשעסט און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— זע, סטאַרע זיך, — האָט ער מיט אַ פינגער אַ מאַך געטאָן צו באַרים'ן און איז אָפּגעגאַנגען.

— אַז אַך און וויי צו די יאָרן, — האָט שלמה'קע געזאָגט, — איר קענט אים מיט אייערע קענטעניש איז אַהבל פאַרשטעקן. אַ פּראָסטער באַמולע. ער קען מסתמא אַזוי פיל ווי וואַסיל, דער סטאָראָזש פון אייער באַנק. און דאָ דאַרפט איר זיך שטעלן „טשעסט" פאַר אים. איך וועל צוגיין אים בעטן מען זאָל אייך געבן אַ בעטל לעבן מיר, איר ווילט?

און שלמה'קע האָט אָנגעהויבן זאָרגן פאַר באַרים'ן. ער האָט אים קיין שווערע אַרבעט ניט געלאָזט טאָן; ער האָט שטענדיק געמאַכט אַזוי, אַז ווען ס'איז אויסגעקומען עפּעס טאָן אַרבעט אין קאַזאַרמע, האָט ער פאַר באַרים'ן די גרינגסטע אַרבעט אויסגעפונען. די גוים זיינען געווען אין כעס. נאָר זיי האָבן גאָרניט געקענט טאָן שלמה'קען, ווארים חוץ דעם, וואָס ער איז אַ געזונטער יונג, איז ער באַליבט ביי „נאַטשאַלסטווע". און שטילערהייט האָבן זיי געמורמלט:

— זשיד... ער מיינט, אַז ער איז אַ באַרין...

נאָר אין איין זאַך האָט שלמה'קע אים ניט געקענט העלפן. דאָס איז געווען די „אוטשעניע", דאָס מושטירן וואָס האָט זיך באַרים'ן זייער שווער געגעבן. דערצו איז

ער געווען אַ פֿאַרשפּעטיקטער און מען האָט אים געדאַרפֿט צוטרייבן צו דער ראָטע. האָט מען אים זייער געמוטשעט. דעמאָלט פֿלעגט שלמה'קען אַרומכאַפּן אַזאַ רחמנות צו באָריס'ן, אַז טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. און אָפּטמאָל פֿלעגט ער ביז ווייטיק פֿאַרשטשירען די ציין, איינבייסן טיף די ליפּ און מיט שווערקייט איינהאַלטן דעם אויסדרוק פֿון כעס.

---

איינמאָל, אַ פֿרימאָרגן, האָט מען באָריס'ן געלערנט ווי אַזוי זיך שטעלן אין פֿראָנט פֿון אַ גענעראַל. אַלע סאָלדאַטן האָבן עס שוין געקאָנט, און דער יעפֿרייטאָר האָט דורכאויס געוואָלט, אַז באָריס זאָל עס פֿון ערשטן מאָל קענען גוט. האָט ער אים געמוטשעט, געקריצט אויף אים מיט די ציין, אים געשאָלטן און געזידלט. שלמה איז געשטאַנען פֿון ווייטנס, האָט צוגעקוקט און זיין האַרץ האָט אים געבלוטיקט. ער האָט געפֿילט אַזאַ כעס אויפֿ'ן דיאַדקע, ווי צופֿאַלן צו אים און אים אויף שטיקלאַך צערייסן. נאָר ער האָט דאָ טאַקע באַלד געקראָגן אַ געלעגנהייט אָפּקילן זיין כעס דערמיט, וואָס ער איז פֿאַרפֿאָרן אין פּיסק אַריין אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט זיך געוויצלט „ווי אַזוי דער זשיד שטעלט פּיסלאַך"....

פֿלוצלונג דערהערט שלמה'קע דעם יעפֿרייטאָרס קול:

— העי, זאַסלאַווסקי, אַהער־צו־גיי!

דער געשלאָגענער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי דער פֿאַרפֿלאַמטער באַק, האָט מיט פֿרייד זיך אָנגערופֿן:

— ער האָט געזען, ווי דו האָסט מיך געשלאָגן. גיי, ער וועט זיך נעמען צו די זשידעס...

שלמה'קע האָט שפּאָטיש אַ שמייכל געטאָן, און אַרויסשטעלנדיק די ברוסט פֿאָראויס, ווי איינער, וועמען

ס׳שרעקט גאָרניט איבער, האָט ער אַוועקגעשפּאַנט צום דיאַדקע.

דער יעפרייטאָר האָט געזאָגט צו אים:

— ווייז אים, זאַסלאַווסקי, ווי מען דאַרף עס טאָן,

— און צו באָרים׳ן האָט ער אַ זאָג געטאָן: — קוק זיך איין, זשידיוגא. דו זעסט ער איז ניט קיין זשיד, ער איז אַ יעווריי.

(דאָס האָט ער נאָכגעזאָגט דעם ראָטנים ווערטער, ווען יענער פלעגט שלמה׳קען שטעלן פאַר אַ מוסטער פאַר אַלע איבעריקע סאָלדאַטן, פלעגט ער זאָגן, אַז שלמה׳קע איז ניט קיין זשיד, נאָר אַ יעווריי, און פלעגט צוגעבן, אַז ווען ער זאָל ניט זיין קיין יעווריי אויך וואָלט ער גאָר הויך געשטיגן...)

שלמה׳קע האָט אַ קוק געטאָן צו באָרים׳ן, מיט אַ הילפלאָז, מחילה־בעטנדן בליק.

און ער האָט גענומען דורכגיין.

— צו גיך, גיי צוריק, — האָט דער יעפרייטאָר אים אָפגעשטעלט אין מיטן גיין.

— איך בין דאָך שוין פריער געגאַנגען, — האָט שלמה׳קע מיט פאַרדרוס געזאָגט.

— איך באַפעל דיר און דו דאַרפסט מיך פאָלגן. דו ווייסט די סאָלדאַטסקע דיסציפלין? — האָט דער יעפ־רייטאָר מיט כעס געזאָגט.

שלמה׳קע האָט זיך אומגעקערט צוריק און איז דורכגעגאַנגען. דער יעפרייטאָר האָט אָנגעקוואָלן:

— מאָלאָדיעץ, זאַסלאַווסקי! — און צו באָרים׳ן זיך געווענדט: — דו זעסט, ווי אַזוי ער איז דורכגעגאַנ־גען? — און אַ באַפעל געטאָן: גיי!

באָרים האָט זיך געלאָזט גיין. האָט זיך אַ צוויי מאָל פאַרפּלאָנטערט, זיך צוריק געכאַפּט, און ווען ער איז

דורכגעגאנגען און געבליבן שטיין לעבן שלמה׳קען האָט דער יעפרייטאָר זיך אָנגערופן צו שלמה׳קען:

— נעם, זאַסלאַווסקי, און גיב אים צוויי פּעטש אי־בער די באַקען. נאָר ער זאָל זיי פילן. איך באַפעל דיר.

שלמה׳קע איז געבליבן שטיין אַ פאַרטומלטער. דאָס האַרץ האָט זיך אים געוואָרפן און געקלאַפּט ווי מיט האַ־מערס, און ס׳האָט זיך אים געדוכט, ווי עפּעס אַ שווערע זאַך האָט מען אַרויפגעוואָרפן אויף זיין קאָפּ. ער האָט דעם קאָפּ צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט און זיך פון אָרט ניט גערירט.

— פאַרוואָס פאָלגסטו מיך ניט? — האָט דער יעפ־רייטאָר געזאָגט, צוקומענדיק צו אים. — אָט וועל איך דיר ווייזן.

ער האָט אָנגענומען שלמה׳קעס רעכטע האַנט און זי אויפגעהויבן קעגן באָרים׳ן. נאָר שלמה׳קע האָט פּלוצ־לונג באַקומען אַן אויסזען פון אַ צערייצטער חיה. די אויגן האָבן זיך געטאָן אַ צינד אָן. די ליפּן צענומען, די ציין פאַרשטשירעט. ער האָט געטאָן אַ ריס אַרויס זיין האַנט פונ׳ם יעפרייטאָר און אים אַ זעץ געטאָן גלייך אין האַרצן אַריין אַזוי, אַז יענער איז אומגעפאַלן אויף אַ סאָלדאַט, וואָס איז אונטער זיינע פּלייצעס געשטאַנען.

ביי אַלעמען האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן, דער אָטעם פאַרכאַפּט, שטיל איז געוואָרן אַרום, ווי פאַר אַ שטורעם.

דער דיאַדקע האָט זיך געטאָן אַ וואָרף אויף שלמה־קען, אַ שוים איז אַרויס אויף זיינע ליפּן, און אים צוויי מאָל דערלאַנגט אין געזיכט אַריין.

— דו וועסט מיך שלאָגן? אין קאַטאָרגע וועסטו גיין דערפאַר...

ער האָט פאַריסן דעם קאָפּ, געמאַכט אַ ראַנד מיט

דער האַנט, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן:

— מאַרש אין קאַזאַרמע אַריין.

די סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן, אַריבעריאָגנ־דיק איינער דעם צווייטן.

---

שלמה׳קע איז געגאַנגען פּאַמעלאַך. ווען ער איז אַריינגעקומען אין קאַזאַרמע האָט ער געטראָפן באָריס׳ן, זיצנדיק אויף זיין בעטל מיט אַ טרויעריק־אָראָפּגעלאָזע־נעם קאָפּ. שלמה׳קע איז אונטערגעקומען. זיין געזיכט איז געווען רויט פון די קלעפּ און אונטער די אויגן און די עק נאָז — בלאָ. ער האָט געברואווט אַ שמייכל טאָן, דאָס האָט נאָך בולטער אַרויסגעצייגט דאָס רויטקייט פון זיין געזיכט און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט עפּעס אַ קרומע מינע געמאַכט. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס איז, באָרים:

באָרים האָט פּאַמעלאַך אויפגעהויבן זיין קאָפּ. דער בליק איז צעמישט געווען און רויט־בלוטיקע אָדערלאַך זיינען געווען אין זיינע אויגן:

— שלמה׳קע, נאָך וואָס האָסטו עס געטאָן? דו קענסט שלעכט אָפּשניידן דערפאַר. האָסט אים באַדאַרפט געווען פאָלגן.

שלמה׳קעס געזיכט איז געוואָרן ערנסט. די ווינק־לען פון זיינע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן.

— איך זאָל דיך שלאָגן פאַר פאָניע׳ס תורה?... נו, ניט דערלעבן וועלן זיי עס. זעסטו, ס׳געווען אַ גליק, וואָס איך האָב ביי זיך דעם שפּיז ניט געהאַט. איך האָב גאַרניט געוואוסט, איך בין געווען גרייט אים הרג׳ענען.

---

וועגן דעם, אַז שלמה׳קע האָט געשלאָגן דעם דיאַד־קע איז אוועקגעגאַנגען אַ רעפּאָרט. נאָר דער ראָטני, וואָס

האָט געהאַלטן פון אים, האָט אין אַזאַ טאָן געשריבן ־יעב רעפאָרט, אַז קיין גרויסע שטראָף האָט מען ניט געקאָנט דערוואַרטן.

און אין אַ דריי וואָכן אַרום איז אָנגעקומען דער פסק: פיר וואָכן אַרעסט.

ווען מען האָט פאַר שלמה'קען, אין די אויגן פון דער גאַנצער ראָטע, איבערגעלייענט דעם פסק, האָט דער ראָטני דערביי שוין געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע פאַר די סאָלדאַטן וועגן וואָיענער דיסציפּלין. נאָר שלמה'קע האָט אים גאָרניט געהערט. זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען, טראַכטנדיק וועגן באָרים'ן. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען אים שטיין אָן אומעטיקן, אַ פאַרטראַכטן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט די אַלע דאָ אַרום וואַרטן שוין אויף זיין, שלמה'קעס, אַוועקגיין, אום זיי זאָלן זיך קענען אָפּרעכענען מיט באָרים'ן, גלייך ווי ער זאָל אים איבערלאָזן איינעם אַליין צווישן אַ גזלנ'ישער באַנדע.

דערנאָך, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו זיין קעסטל אַרויסנעמען אייניקע זאַכן זיי מיט זיך אין אַסטראָג מיטנעמען, איז באָרים צו אים צוגעגאַנגען און שטיל ווי אַ שולדיקער אים געזאָגט:

— ס'איבער מיר... איך בין שולדיק.

שלמה'קע האָט זיך געטאָן אַ גלייך אויס, דעם קאָפּ אויפגעהויבן. ער האָט געזען ווי די שקצים קוועלן אָן, האָט אין זיינע אויגן אַ פלאַם אַ פלאַקער געטאָן און שאַרף אַרויסגערעדט:

— זאָג זיי, אַז ווער ס'וועט דיך דאָ טשעפּן, וועל איך אים דעם קאָפּ צעשפּאַלטן. קאַטאָרגע וועל איך אויף זיך נעמען. זאָג זיי...